Both argue that the H. brought an end to change



י. הירשהויט (ניו־יאָרק)

# די וועגן פון דער יידישער ליטעראַטור: טראַדיציע צי מאָדערניזם*

## צוויי ציגל צו איין בנין

ביי דער סאַמע ערשטער באַרירונג פון דער טעמע „טראַדיציע און מאָדערניזם" האָט זיך פאַר מיר געשטעלט די פראַגע צי די דאָזיקע צוויי באַגריפן זיינען באמת אַנטיפאָדן, דאָס מיינט דירעקטע היפוכדיקע באַגריפן, ווי ס'איז למשל טאָג און נאַכט, הייס און קאַלט אָדער שוואַרץ און ווייס. אויב זיי זיינען טאַקע אַנטיפאָדן באַדייט דאָס, אַז זיי שליסן זיך קעגנזייטיק אויס, מחמת ס'קען אין איין צייט נישט זיין טאָג און נאַכט. אָדער ס'איז טאָג אָדער נאַכט. אין שייכות מיט אונדזער טעמע שטעלט זיך פאַר אונדז די פראַגע צי טראַדיציע און מאָדערניזם שליסן זיך קעגנזייטיק אויס, צי זיי קענען ווי צוויי עלעמענטן פון אַ געוויסער ליטעראַטור אין דער זעלבער צייט לייגן זייער חותם אויף דער אַנטוויקלונג פון דער דאָזיקער ליטעראַטור און דאַן ביידע צוזאַמען אין איר בלייבן הויזן ווי גוטע שכנים און אירע געטרייע מיטבויערס.

אין שייכות מיט דער יידישער ליטעראַטור איז נאָך פאַר אונדז נישט אינגאַנצן קלאָר דער באַדייט פון באַגריף טראַדיציע. אויב ער איז טאַקע דאָס וואָס מיר מיינען: אַ זינט דורות אָנגענומענער און איינגעשטעלטער אופן פון שרייבן, זיינען אויף דעם פאַראַן נאָך אַנדערע נעמען. בלויז ווי אַ ביישפּיל צו דערמאָנען: מלך ראַוויטש דערציילט אין זיין דריטן באַנד פון „דאָס מעשה־בוך פון מיין לעבן", אַז פּרץ מאַרקיש האָט ביי אַ געוויסער געלעגנהייט אויסגעדריקט זיך וועגן אַלטער קאַציזנע אויף אַזאַ אופן: „קאַציזנע איז אַ קלאַסיקער און מיר (די כאַליאַסטרע — י. ה.) זיינען מאָדערניסטן". ס'איז ניטאָ קיין ספק, אַז פּרץ מאַרקיש האָט מיטן באַגריף קלאַסיקער געמיינט אַן ערך דאָס זעלבע וואָס מיר היינט מיט טראַדיציע. אָבער ביי אונדזערע היינטיקע סטאַנדאַרטן טראָגט אין זיך דער באַגריף „קלאַסיקער" אַ גאַנצע גאַמע פון טיפערע אימפּליקאַציעס, וואָס שפּרייזן ווייט אַריבער די פּראָבלעמען פון אינהאַלט און ליטעראַרישער פאָרם. ווען מיר דעריבער לאָזן צורו דעם באַגריף קלאַסיקער און מיר וועלן ווייטער אָנגיין מיט אונדזער באַצייכענונג: טראַדיציע.

די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור איז ווי אַ פאָלקס־ליטעראַטור אויפגעקומען אין די לענדער פון מזרח־אייראָפּע. זי האָט איר גאַנצע יניקה געצויגן פון ריין־יידישע מקורות, אין וועלכע זי איז געבליבן פאַרוואָרצלט ביזן היינטיקן טאָג. זי האָט איר ערשטן אַנטוויקלונגס־פּעריאָד דורכגעמאַכט אין מזרח־אייראָפּע און די זייטיקע השפּעות, וואָס האָבן געווירקט אויף איר אין יענעם פּעריאָד זיינען געקומען פון די ליטעראַטורן פון יענעם וועלטטייל, דער עיקר פון דער דייטשער, רוסישער און פּוילישער. אין די שפּעטערדיקע צייטן נאָך דעם ווי ס'האָבן זיך עטאַבלירט גרעסערע אימיגראַציע־צענטערס פון מזרח־אייראָפּעאישע יידן אין מערב־אייראָפּע און אין אַמעריקע, האָבן ביי די יידישע שאַפערס דאָ און דאָרט געלאָזט זיך פילן ווירקונגען פון די גבירישע ליטעראַטורן פונעם מערב.

אָבער ביי די אַלע השפּעות איז נאָך ביזן היינטיקן טאָג, סיי לויט איר אינהאַלט און סיי לויט איר אידעאישן מהות, די יידישע ליטעראַטור אין עצם געבליבן געטריי צו דער יידישער טראַדיציע. מ'קען עס אָנרופן שטעטל־ליטעראַטור אָדער ווי אַזוי מען וויל, אָבער דער אמת איז, אַז היינט פּונקט אַזוי ווי אַמאָל האַלט די יידישע ליטעראַטור אָן דעם המשך פונעם שווערן דורותדיקן געראַנגל פאַרן יידישן קיום און גיט אַ שטאַרקן אויסדרוק צו דעם ספּעציפיש־יידישן עטישן און אידעאישן וועלט־באַנעם. אָט די טראַדיציע איז דער שטאַרקסטער — אָדער גאָר דער איינציקער — כוח וואָס פאַרזיכערט אונדז מענטשלעכע אַנדערשקייט, אָן וועלכער ס'קען נישט געמאָלט זיין דער יידישער קיום. איז דעריבער דאָס אָנהאַלטן די דאָזיקע אַנדערשקייט אונדזערע אַ זאַך, אויף וועלכער מיר טאָרן נישט מוותר זיין, אויב מיר ווילן נישט פאַרלירן די באַזונדערע פּאָזיציע צווישן די פעלקער פון דער וועלט, אַ פּאָזיציע וועלכע מיר האָבן דערגרייכט אַדאַנק אונדזער רייכער יידישער קולטור־געשיכטע.

די פרעמדע השפּעות וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט אין די יאָרן פון איר עקזיסטענץ אַדאַפּטירט האָבן אין זייער רוב אַ שייכות צו דער פראַגע פון פאָרם און אויסדרוק. איז טאַקע דער אמת, אַז אין דעם דאָזיקן פּרט האָט די יידישע ליטעראַטור אַלע מאָל אַרויסגעוויזן אַ גרויסע מאָס פון עלאַסטישקייט. זי האָט פאַר די כל המינים מאָדערניסטישע נייקייטן אין באַנוצן זיך מיט נייע פאָרמען, סימבאָלן און אימאַזשן אַלע מאָל געהאַט אַן אָפן אויג און אויער. געוויס זיינען אין אַלע צייטן געווען ביי אונדז שרייבערס וואָס האָבן אין זייערע שריפטן אַזעלכע נייקייטן באַקעמפט. אָבער דאָס איז דאָך נישט מער ווי אַ נאַטירלעכע דערשיינונג ביי

content specifically Jewish values

form open to foreign influence

* אויף דער דאָזיקער טעמע איז ביים יידישן פּען־צענטער אין ניו־יאָרק אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ סימפּאָזיום מיט אַריינפיררעפעראַטן פון דריי שרייבערס: י. הירשהויט, כאַסיע קופּערמאַן און אברהם שולמאַן און אַ דיסקוסיע נאָך די רעפעראַטן. סיי אין די אַריינפיר־רעפעראַטן און סיי אין דער דיסקוסיע זיינען געבראַכט געוואָרן צום אויסדרוק ביז גאָר אינטערעסאַנטע מיינונגען וועגן דעם היינט און דעם מאָרגן פון דער יידישער ליטעראַטור. מיר ברענגען אין היינטיקן נומער די טעקסטן פון צוויי רעפעראַטן, פון י. הירשהויט און כאַסיע קופּערמאַן. דעם רעפעראַט פון אברהם שולמאַן וועלן מיר פאַרעפנטלעכן אַזוי גיך ווי מיר וועלן באַקומען דעם כתב־יד.

אַזוי ווי די טעמע איז פאַר אונדז ביז גאָר וואָגיק און מיר זיינען זיכער, אַז אַ סך שרייבערס וועלן האָבן אַן אינטערעס זיך אָפּצורופן, עפענען מיר אַ דיסקוסיע, אין וועמענס ראַמען מיר וועלן דרוקן צוגעשיקטע אָפּרופן צו דער דאָזיקער טעמע. די אָפּרופן דאַרפן זיין קאָנדענסירט און זאַכלעך פאָרמולירט. (—רעדאַקציע).

אַלע פעלקער און אין אַלע ליטעראַטורן. וועל כולם איז אַ פאַקט, אַז אַן אַ שיער מאָדערניסטישע נייקייטן זיינען געשאַפן געוואָרן אין אָריגינאַל אָדער אַדאַפּטירט געוואָרן פון פרעמדע מקורות דורך יידישע שרייבער־גרופּעס און נאָך מער דורך שרייבערס יחידים און גאָר אַ סך פון זיי האָבן זיך ביי אונדז איינגעבירטערט און זיינען מיט אונדז פאַרבליבן אויף שטענדיק.

***

ס'וועט נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז דער סאַמע אויפקום פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור איז געווען אַ דורכאויס מאָדערניסטישער און און אויב איר ווילט אַ קאָנטראָווערסאַלע אונטערנעמונג. כדאַי זיך בלויז צו פאַרטראַכטן וועגן דער מענטאַליטעט וואָס האָט געהערשט אין יידישן תחום־המושב, וואו רבנים האָבן געהאַט די דעה איבער דער פרומקייט און מאָראַלישקייט פון פאָלק. זיי האָבן מיט אַ שטאַרקער האַנט באַקעמפט יעדן אָפּנייג פון אַלטן רעליגיעז־טראַדיציאָנעלן דרך. איך בין זיכער, אַז אין אַזאַ סביבה איז אַן אַרויסטריט פון אַ שלמה עטינגער מיט זיין „סערקעלע" אָדער פון אַן אייזיק־מאיר דיק מיט זיינע מעשיות געווען אַ גאָר געוואַגטע נאָוועגע, אַן אמתדיקער מאָדערניסטישער אויפטו.

די ערשטע וועלט־מלחמה און באַזונדערס די נאָכווייענישן וואָס זיינען נאָך איר געקומען האָבן צעטרייסלט די יסודות פונעם יידישן לעבן אין אַ רייי לענדער פון מזרח־איירופּע. אָבער נישט געקוקט אויף דער כוואַליע פון פּאָגראָמען, וואָס יידן האָבן דעמאָלט איבערגעלעבט אין אוקראַינע, פּוילן און אַנדערע לענדער און אויף דעם גרויסן דחקות, אין וועלכן די מלחמה־געשעענישן האָבן איבערגעלאָזט די יידישע מאַסן, ווערט פונקט אין יענער צייט פאַרצייכנט אין אַלע מזרח־אייראָפּעאישע יידישע ישובים אַ שטאַרקער אויפלעב פון נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און אַ פאַרגרעסערטע אַקטיוויטעט אויפן געביט פון יידישער קולטור.

די יידישע ליטעראַטור האָט דעמאָלט דורכגעמאַכט איינעם פון אירע זעלטענע אויפבלי־פעריאָדן. אין רוסלאַנד, פּוילן און אין די באַלטישע לענדער זיינען אויפגעקומען נייע ביכער־פאַרלאַגן און ליטעראַרישע צייטשריפטן. אומעטום האָבן זיך אָרגאַניזירט שרייבער־אָרגאַניזאַציעס און קלענערע גרופּעס, וואָס האָבן געזוכט פאַר זיך נייע וועגן אין זייער שאַפונג.

פון די אַלע גרופּעס האָבן זיך אין פאָדערגרונט אַרויסגערוקט צוויי: די ערשטע, אין רוסלאַנד, האָט אַרומגענומען אַ גרעסערע צאָל יונגע און טאַלאַנטירטע שרייבערס, וואָס האָבן לכתחילה מיט ענטוזיאַזם און מיט גרויסע האָפענונגען באַגריסט די רעוואָלוציע; די צווייטע אין פּוילן, וואָס איז באַשטאַנען פון פיר אָדער פינף פּאָעטן, טאַקע זייער טאַלאַנטירטע, אָבער אין יענער צייט נאָך אָנהייבערס.

דער רוסישער אַוואַנגאַרד איז אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור באַקאַנט אונטערן נאָמען „קיעווער גרופּע". די דאָזיקע גרופּע האָט זיך אָבער נאָך עטלעכע יאָר דעזינטעגרירט. אַ טייל פון אירע חברים האָבן פאַרלאָזט רוסלאַנד, אַנדערע זיינען אַריבער קיין מאָסקווע, וואו זיי האָבן געשאַפן דעם נייעם זשורנאַל „שטראָם". די דאָזיקע אַוואַנגאַרד־גרופּע האָט דעם אוצר פון יידישער ליטעראַרישער שאַפונג באַרייכערט מיט אַ סך וויכטיקע און ווערטפולע קינסטלערישע ווערק. כאָטש פאַרטון אין זוכן נייע קינסטלערישע פאָרמען און אויסדרוקן האָבן די שאַפערס פון דער דאָזיקער „שטראָם"־גרופּע קיין מאָל נישט פאַרלוירן פון אויג זייער הויפּט־ציל, וואָס איז באַשטאַנען, ווי זיי האָבן עס פאָרמולירט, אין דער פאַראייניקונג פון אַלע אַחריותדיקע יידישע קינסטלערס פון דער גאַנצער וועלט פאַר דער אויפגאַבע פון אָנהאַלטן די טראַדיציע פון דער יידישער וועלט־ליטעראַטור". געוויס האָט די „שטראָם"־גרופּע קיין מאָל נישט באַוויזן צו פאַרווירקלעכן איר ציל. זי איז פריער איינגעשלונגען געוואָרן דורך די כוחות פון דער רעוואָלוציע און איז געוואָרן אַ טייל פון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור.

וועגן דער וואַרשעווער „כאַליאַסטרע" דערציילט מלך ראַוויטש, אַז אין איר האָבן זיך באַטייליקט: פּרץ מאַרקיש, מלך ראַוויטש, אורי צבי גרינבערג, משה בראָדערזאָן און י. י. זינגער. די גרופּע איז געשטאַנען אונטער פּרץ מאַרקישעס קאָמאַנדע און האָט געטאָן דאָס, וואָס ער האָט געהייסן טאָן. איז במילא די אַוואַנגאַרדישע פּראָגראַם פון דער „כאַליאַסטרע" באַשטאַנען אין רעוואָלטירן קעגן אַלץ און קעגן אַלעמען, אַריינגערעכנט אַלע נעמען וואָס זיינען דעמאָלט געווען אין דער יידישער ליטעראַטור. אַן אויסנאַם איז געווען פּרץ, קעגן וועלכן מאַרקיש האָט נישט רעוואָלטירט. אויך קעגן די סאָוועטישע שרייבערס און דיכטערס האָט ער זיינע „כאַליאַסטרע"־חברים נישט דערלויבט צו רעוואָלטירן. פאַרקערט, אויף אַ ליטעראַרישן פרימאָרגן, וואָס ער האָט אָרגאַניזירט, האָט ער געהייסן לייענען שאַפונגען פון די סאָוועטישע דיכטערס.

אויף די „כאַליאַסטרע" האָט נישט געהאַט קיין אריכת ימים. בקרוב האָט מאַרקיש פאַרלאָזט פּוילן און די חברים פון דער גרופּע זיינען אַוועק, יעדער אין זיין זייט. פּרץ מאַרקיש האָט זיך געלאָזט אינטעגרירן אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור, די איבעריקע אין אונדזער „בורזשואַזער" און אורי צבי גרינבערג אין דער העברעאישער. פון די אַלע פינף האָט יעדער אויף זיין שטייגער אַריינגעפירט אין זיינע שאַפונגען אייגענע אַוואַנגאַרדישע ניואַנסן, וואָס האָבן מיטן לויף פון דער צייט פאַרלוירן אַוואַנגאַרדישע שאַרפן און זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין וואָכעדיקע דערשיינונגען. אַזוי אַרום איז פון זייערע שאַפונגען ביי אונדז געבליבן אויף שטענדיק אַלץ וואָס איז טראַדיציאָנעלער ליטעראַריש און טראַדיציאָנעל יידיש.

אויב מאָדערניסטישע נייקייטן האָבן אין דער יידישער ליטעראַטור ערגעצוואו אָנגעהאַלטן פאַר לענגערע פעריאָדן, איז עס גראָד געווען אין אַמעריקע. דאָ איז, ווייזט אויס, אַלע מאָל פאַראַן געווען אַ גרינגערע מעגלעכקייט פון צוזאַמענרעדן זיך צווישן די יידישע פּאָעטן. והא ראיה, כמעט אין אַלע צייטן, זינט דעם סאַמע אָנהייב פון דער יידישער מאַסן־איינוואַנדערונג האָבן דאָ יידישע פּאָעטן באַמיט זיך צו פאַראייניקן זיך אין גרופּעס לויט זייערע אידעאישע איינשטעלונגען. ס'רעדט זיך דאָ נאַטירלעך נישט וועגן פאָרמעלע אָרגאַניזאַציעס, נייערט וועגן לויזע גרופּעס שרייבערס,

וואָס פלעגן אין קאַפעהויז ביי אַ טישל זיך דורכשמועסן וועגן ליטעראַרישע ענינים.

אַזוי אַרום האָבן מיר דאָ געהאַט די גרופּע פון די א. ג. סאָציאַלע דיכטערס, וואָס האָבן געשריבן אין סאָציאַליסטישן גייסט. ווי אַ רעאַקציע קעגן דעם דאָזיקן אופן פון שרייבן פּראָפּאַגאַנדע־לידער האָבן זיך אויסגעפורעמט די „יונגע". זיי זיינען שוין געווען אַ גרופּע פון מער טאַלאַנטירטע דיכטערס, וואָס האָבן אין דער פּאָעזיע געוואָלט זען אמתדיקע קונסט.

די ביידע גרופּעס האָבן נישט געהאַט קיין מאָדערניסטישע השגות. די יונגע האָבן געשריבן לויטן אַלטן אָנגענומענעם שטייגער פון דער נעאָ־ראָמאַנטישער פּאָעזיע, וואו ליריק איז אויסגעדרוקט געוואָרן אין די דינסטע ניואַנסן פון געפילן. זייער פּאָעזיע איז געווען אַ מין פּאָעזיע, וואָס האָט אַרויסגעשטראָמט פונעם האַרץ. ס'איז געווען די אימפּרעסיאָניסטישע דיכטונג פון דער וואַרשעווער פּלעיאַדע דיכטערס לויט דער השפּעה פון י. ל. פּרץ.

אַ מאָדערניסטישע באַוועגונג אין דער יידישער פּאָעזיע איז אין אַמעריקע אויפגעקומען אַן ערך אין דער זעלבער צייט וואָס אין אייראָפּע: נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. אויך דאָ האָט עס דורכגעפירט אַ גאָר קליינע גרופּע פון יונגע פּאָעטן, וועלכע האָבן זייער בילדונג באַקומען שוין אין אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן. להיפּוך צו די וואַרשעווער „כאַליאַסטרע"־פּאָעטן האָבן די דריי גרינדערס פון דער אינזיכיסטישער גרופּע, יעקב גלאַטשטיין, נחום ברוך מינקאָוו און אהרן גלאַנץ־לעיעלעס גוט געוואוסט, וואָס זיי ווילן. זיי האָבן געוואָלט אין דער יידישער פּאָעזיע אַריינברענגען די עקספּרעסיאָניסטישע שטרעמונג, וואָס איז ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה זייער שטאַרק אָנגענומען געוואָרן אויף אַ סך געביטן פון קונסט אין אייראָפּע און אַמעריקע. אַרויסגעקומען איז די דאָזיקע שטרעמונג פון דייטשלאַנד און איר סאַמע וויכטיקסטע פאַרשפּרייטערס אין דער ליטעראַטור זיינען געווען דער שוועדישער דראַמאַטורג אויגוסט סטרינדבערג, דער דייטשער שרייבער געאָרג קייזער, די ענגלישע דערציילערין ווירדזשיניאַ וואָולף, די אַמעריקאַנישע דיכטערס וויליאַם קאַרלאָס וויליאַמס און עזראַ פּאַונד, וועלכער איז מיט יאָרן שפּעטער געוואָרן אַן אָנהענגער פון היטלערן.

דער אינזיכיזם האָט זיך ווי אַ מאָדערניסטישע נייקייט שטאַרק אָנגענומען אין דער יידישער פּאָעזיע אין אַמעריקע און האָט מיט זיין השפּעה אַפילו אָנגעשפּאַרט אין אייראָפּע. אינזיכיסטישע זשורנאַלן זיינען דאָ דערשינען ביז צום אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. ערשט די שרעקלעכע ידיעות וועגן דעם גורל פון די יידישע מאַסן אין אייראָפּע, וואָס האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען פון יענער זייט ים, האָבן, ווייזט אויס, אַ ביסל אָפּגעשוואַכט דעם חוש פאַר עסטעטיק און מאָדערניזם. אין אָנבליק פון דער מוראדיקער קאַטאַסטראָפע, פאַר וועלכער דאָס גאַנצע יידישע פאָלק איז איצט שטיין געבליבן, זיינען אַזעלכע פראַגן ווי עקספּרעסיאָניזם אָדער אינטראָספּעקטיוויזם צו ביסלעך אַוועקגערוקט געוואָרן אין אַ זייט. די יידישע ליטעראַטור האָט שוין דעמאָלט געמוזט שרייבן אירע קינות, וואָס גייען פון האַרץ, פון טיפסטן געפיל, פונעם שווער פאַרוואונדעטן און צעבראָכענעם געמיט, איז דער ראַפינירטער אויסדרוק ווייט נישט דער הויפּט־עלעמענט.

***

די צווייטע וועלט־מלחמה האָט אויף דער יידישער קולטור נישט געהאַט די זעלבע ווירקונג וואָס די ערשטע. נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה איז שוין נישט פאָרגעקומען קיין אויפלעב אין דער יידישער ליטעראַטור, ווי מיר האָבן אים געזען און געפילט אין די צייטן פון דער „כאַליאַסטרע". אויך ביי די נישט־יידישע ליטעראַטורן האָט זיך נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה נישט געפילט יענע גרויסע שפע אין מאָדערניסטישע באַוועגונגען ווי ס'איז געווען נאָך דער ערשטער. נישט מער, פאַרשידענע נייע פאָרעם־ניואַנסן האָבן זיך געלאָזט מערקן אין פּאָעטישע און בעלעטריסטישע שאַפונגען פון יענע יאָרן. זיי זיינען אָבער נישט געווען קאָאָרדינירט און האָבן בלויז געהאַט אַ ספּאָראַדישן און ניט זעלטן אַפילו אַן איזאָלירטן כאַראַקטער. אַפילו די דייטשע נאָך־נאַצישע גרופּע „47", אין וועלכער ס'האָבן זייערע ערשטע טריט געשטעלט צוו. אַ. גינטער גראַס און היינריך בעל, האָט נישט פאַרמאָגט קיין אייגהייטלעכע און באַשטימטע סטאַנדאַרטן, נישט פון ליטעראַרישע פאָרמען און נישט פון אינטעלעקטועלע אידייען. אין זייער פּראָגראַם האָבן די שרייבערס פון דער גרופּע „47" געזאָגט, אַז יעדער פון זיי שרייבט אַזוי ווי ער קען. אַזוי אַרום שטעלן זייערע שריפטן מיט זיך פאָר אַ געמיש פון הונדערטער ליטעראַרישע עלעמענטן פון צאַרטן אימפּרעסיאָניזם, שכלדיקן עקספּרעסיאָניזם, מיסטעריעזן סורעאַליזם, אַפילו פון טיפן סימבאָליזם און וואָס נאָר איר ווילט. נישט קיין וואונדער, אַז די דאָזיקע גרופּע האָט אין איר אַלמאַנאַך 1947—1962 אַליין זיך אָנגערופן „אַ ליטעראַרישער קוריאָז פון אונדזער צייט" און כדאַי נאָך צו באַמערקן, לשם אינפאָרמאַציע, אַז זי האָט משפּיע געווען עטלעכע דערציילערס פון דער יידישער ליטעראַטור.

מיט די געבראַכטע שילדערונגען פון עטלעכע מאָדערניסטישע שיטות אין דער יידישער ליטעראַטור זיינען מיר אויסן געווען צו ווייזן צוויי עיקרדיקע פאַקטן: ערשטנס, האָט אַ מאָדערניסטישע באַוועגונג קיין מאָל נישט געהאַט אין דער יידישער ליטעראַטור קיין אומבאַגרענעצטע דויערדיקייט און צווייטנס, אַלע מאָל ווען זי האָט זיך דעזינטעגרירט, איז זי נישט פאַרשוואונדן געוואָרן אויף אַ טאָטאַלן אופן, אָן איבערצולאָזן נאָך זיך אַ געוויסן זכר. ווי מיר האָבן עס געזען אין דעם ביישפּיל פון דער „כאַליאַסטרע" און פון די „אינזיכיסטן", האָבן זיך די דאָזיקע גרופּעס טאַקע אויפגעלייזט, אָבער די שאַפונגען פון די שרייבערס, פון פּרץ מאַרקיש, מלך ראַוויטש, אורי צבי גרינבערג, משה בראָדערזאָן, י. י. זינגער, פונקט ווי די שאַפונגען פון יעקב גלאַטשטיין, אהרן גלאַנץ־לעיעלעס און נחום־ברוך מינקאָוו, סיי די וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אונטער דער השפּעה פון די מאָדערניסטישע שטרעבונגען און סיי יענע פון די שפּעטערדיקע פּעריאָדן, אין וועלכע ס'זעט זיך שוין אָן די אויבערהאַנט פונעם טראַדיציאָנעלן ליטעראַרישן נוסח, זיינען אַלע צוזאַמען אַריין אין יענעם ברייטן שטראָם,

כאַסיע קופּערמאַן (ניו־יאָרק)

# פאַרוואָס טראַדיציע

לאָמיר גלייך פון אָנהייב זיך אָפּשטעלן אויף אַ פאַקט, אַן אָבסערוואַציע וואָס מערסטע דענקערס, היינטיקע סאָציאָלאָגן, פּסיכאָלאָגן, קריטיקערס שטרייכן אונטער: דער מענטשלעכער גייסט איז געגליכן צו אַ פּערפּענדיקל, אַ פּענדיולום וואָס וויגט זיך פון איין עקסטרעם ביזן אַנדערן: זון און שאָטן. טראַכטן מיר וועגן געוויינטלעכע מאָמענטן, דערזעען מיר אומגעווינטלעכע, אַפילו אויסטערלישע בילדער. טראַכטן מיר ערד, ציט אונדז צום הימל. דאָס קאָנקרעטע ווערט אַבסטראַקט, ד רעאַליטעט ווייזט אונדז דעם וועג צו אַ טרוים, און פאַרקערט. פרויד האָט אַפילו דערקלערט, אַז אונדזער ווילן צום לעבן ווערט באַלאַנסירט מיט אונדזער ווילן צום שטאַרבן, פּשוט ניט ווערן. דער מענטשלעכער גייסט האַלט זיך כסדר אין שוואונג. אין ענגליש הייסט עס: .The Oscillations of the Mind אפשר דערפאַר איז דער מענטש אומרואיק, און ענערגיש, און שעפעריש.

אָט אַזאַ שוואונג זעען מיר אין דער געשיכטע פון דער וועלט־ליטעראַטור. טראַדיציע און קלאַסישקייט רופן צו ראָמאַנטישקייט. לירישקייט און ראָמאַנטישקייט פירן סוף כל סוף צום רעאַליזם. רעאַליזם, וואָס איז אַ מין דידאַקטיק, רופט אַרויס אימפּרעסיאָניזם, אַ ספּעציעלע באַנייאונג פון ראָמאַנטישקייט מיט אַן אונטערשלאַק פון רעאַליזם. אימפּרעסיאָניזם רופט אַרויס סור־רעאַליזם (ד. ה. עקספּרעסיאָניזם), אַ דידאַקטיק וואָס באַטאָנט דעם אינערלעכן כאַאָס, די מטושטשע ווילדקייט וואָס ברויזט אין דערווירקלעכקייט: איראָניע, סאַטירע, פראַגמענטן, אינערלעכע צעשפּליטערטקייט און ס׳איז גאָר אַ נייע פאָרם פון דידאַקטיק, אַן אַנטי־ אימפּרעסיאָניזם. (און לאָמיר זיך דערמאָנען, אַז דער אימפּרעסיאָניזם האָט באַשריבן זון־און־שאָטן ליריקייט). אינטערעסאַנט איז אויך, אַז אַ נייע ריכטונג וואָס טרעט אַרויס קעגן דער אַלטער פאָרם צעשטערט פונדעסטוועגן ניט אַלץ וואָס איז פאַראַן געוועזן אין דער דאָזיקער אַלטער פאָרם. אמת, זי פאַרלייקנט אַ סך, אָבער ניט אַלצדינג ווערט אָפּגעמעקט. קערנער בלייבן דאָך.

אין יעיל־אוניווערסיטעט געפינט זיך פּראָפעסאָר האַראָלד בלום, אַ קריטיקער פון דער ענגלישער ליטעראַטור, וועמען מען האַלט פאַר אַ תלמודיסט. פון תלמוד דרינגט ער, אַז אין דער וועלט פון אידייעס און פון שאַפונג קומט שטענדיק פאָר אַ מין פאָטער־און־זון־וויכוח. דער פירער פון אַ באַוועגונג האָט זיינע תלמידים און זיי גייען אים נאָך לויט זיין שטייגער; ביז וואַנען איינער פון זיי דערזעט אַן אייגענעם וועג און טרעט אַרויס קעגן דעם פירער. צוערשט וואַרפט ער אַלץ אָפּ. אָבער נאָכדעם ווי דער ערשטער אויפברויז האָט געגנוג שאָקירט, געמאָנט, געפאָדערט, און דער נייער דור ווערט עטאַבלירט, דערזעען מיר גאָר, אַז ער האָט פאָרט אָנגענומען אָדער מיטגענומען מיט דער באַנייאונג געוויסע קערנער. ס׳איז ניט אַבסאָלוט שפּאָגל־ניי.

דער בעסטער ביישפּיל אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור איז פאָרגעקומען לעצטנס. ט. ס. עליאָט, וואָס האָט אינטעלעקטואַליזירט זיינע פּאָעטישע אימאַזשן, דערמאָנט זיך עפּיזאָדן וואָס ער האָט געקאָנט פון זיי מאַכן אַבסטראַקטע סימבאָלן, אילוזיעס, אַלוזיעס, אָביעקטיוו און אוניווערסאַל. ער האָט געשאַפן אַ מין געדענק־אַפּאַראַט, וואָס ער האָט כסדר פאַרנעפּלט און געצאַמט. זיין שולע, סיי אין דער פּאָעזיע, סיי אין דער קריטיק, האָט געהאַט פּאַסיווע נאָכגייערס, עפּיגאָנען. צווישן זיי, אין אָנהייב, איז געווען ראָבערט לאָועל, וואָס איז לעצטן דעצעמבער אַוועק פון דער וועלט. לאָועל האָט אָפּגעוואָרפן אָביעקטיווקייט און אוניווערסאַלע סימבאָלן און האָט אָפן, פראַנק און פריי, באַשריבן זיין איכיקייט: וויטיקן, מאָמענט פון משוגעת, מעמוארן, פּערזענלעכע איבערלעבונגען און משפּחה־ראַנגלענישן. דער סטיל איז דאָך געבליבן געצאַמט, קורץ, לויט

---

וואָס הייסט די יידישע ליטעראַטור. אָט דאָס איז דער בעסטער באַווייזן, אַז טראַדיציע און מאָדערניזם זיינען בכלל נישט קיין ווידערשפּרוכן. פאַר אונדזער יידישער ליטעראַטור זיינען זיי געווען ווי צוויי ציגל צו איין בנין, צום בנין פון דער יידישער ליטעראַטור.

און אָט אַזוי קומען מיר צו אונדזער ענדגילטיקן אויספיר. מאָדערניסטישע שטרעמונגען ווערן געבוירן ביי יונגע שרייבערס, וועלכע זוכן פאַר זיך נייע וועגן אין זייער שאַפונג. עלטערע און איינגעפונדעוועטע שרייבערס האָבן שוין איינגעשטעלט זייער פּאָזיציע אין דער ליטעראַטור און ס׳איז באמת אַ זעלטענע דערשיינונג, אַז אַזעלכע עלטערע שרייבערס זאָלן נאָך צענדליקער יאָרן פון שאַפן לויט זייערע איינגעשטעלטע קינסטלערישע מעטאָדן פּלוצעם מפקיר זיין זייערע ביז־איצטיקע ליטעראַרישע רוטין און נעמען שרייבן מיט ניי־צוגעטראַכטע מעטאָדן. איז דעריבער שווער צו דערוואַרטן פון אונדזער עקזיסטירנדיקן ליטעראַרישן אַקטיוו ער זאָל איצט אַרויסקומען מיט אַ וועלכער נישט איז מאָדערניסטישער שיטה.

אָבער פון דער צווייטער זייט קען מען נישט לייקענען, אַז נייע אידייען וואָלטן אַריינגעגאָסן פרישבלוט אין די אָדערן פון דער יידישער ליטעראַטור און זיי וואָלטן סטימולירט אַן אויפלעב פונעם גאַנצן סיסטעם. אונדזער האָפענונג אין אָט דעם פּרט ליגט אין די יונגע כוחות, וואָס לערנען איצט יידיש אין די הויכשולן פון ישראל, אַמעריקע, פראַנקרייך און אַנדערע לענדער, אין די שרייבערס פון דער „יוגנטרוף“־גרופּע, ביי וועלכע ס׳זעען זיך שוין גוטע סימנים פון אַ פּראָדוקטיווער שאַפערישער טעטיקייט. די צוקונפט פון דער יידישער ליטעראַטור ליגט אין זייערע הענט.

---

Lowell's revolt against Eliot's intellectualism supposedly analogous to the Inzikh embrace of traditional, public symbols & a clear style under the impact of the H.



עליאָטס דיסציפּלין. לאָועל האָט, הייסט עס, רעוואָל־
טירט קעגן דעם פירער. ער איז אָבער געבליבן ניט
אינגאַנצן אָפּגעשניטן. לאָועלס נאָכגייערס שרייבן איצט
לידער פול מיט נאָסטאַלגיע, מעמואַרן, פּערזענלעכע
עפּיזאָדן. עס באַקומט זיך אַ מין מליצהדיקער נאַראַ־
טיוו. צווישן די איצטיקע פּאַסיווע נאָכפאָלגערס וועט
זיך זיכער געפינען אַן אַקטיווער באַנייער וואָס וועט
זיך קעגנשטעלן זייער פּראָזאַאישקייט. ווען די צייט
וועט רייף ווערן וועט ער זיך באַווייזן.

האָבן מיר פעסטגעשטעלט, אַז ס׳איז דאָ אַ שוואונג
וואָס טרייבט דעם יחיד און זיין גייסט. אַז אַזאַ שוואונג
באַציט זיך אויך אויף דער ליטעראַטור. לאָמיר זיך
צוקוקן צו דער יידישער ליטעראַטור דאָ אין אַמערי־
קע. די יונגע האָבן רעאַגירט קעגן אַרבעטער־פּראָ־
טעסט לידער, קעגן שטעטל־טראַדיציע און קעגן דער
בענקשאַפט נאָך דער אַלטער היים. האָבן זיי פאַראַ־
מאַנטיזירט אַמעריקע, דאָס נייע לעבן, קענטאָקי, דעם
האָדסאָן, זון־פאַרגאַנג אין מאַנהעטן, די בערג, דאָס
לעבן אויף דער פּרערי אין דער ווייטער וועסט, נייע
בילדער, אינדיווידואַליזם, אימפּרעסיאָניזם: איך.
אָט רעדט משה לייב האַלפּערין:

„האָט משה לייב זיך אַנידערגעשטעלט
אין מיטן דער נאַכט, צו דערטראַכטן די וועלט.
הערט ער צום אייגענעם טראַכטן זיך איין.״

זייער אימפּרעסיאָניזם מיטן גאָלדענעם דעמער האָט
אַרויסגערופן דעם עקספּרעסיאָניזם, דעם סור־רעאַליזם.
די אינזיכיסטן האָבן דערזען דעם ברויזנדיקן כאַאָס
פון אינעווייניק. יעדע טעמע איז פאַר זיי געווען גיל־
טיק. אַ מין רעאַליזם־ניט־רעאַליזם. אַפילו פּראָטעסט
אַנטוישונג, איראָניע, און דאָך אַן אונטערשלאַק פון
לירישקייט, ווייל אַלץ וואָס עס טוט זיך אינעווייניק
מוז אַרויסקומען. אָבער דאָ קומען מיר צו אַן אינטע־
רעסאַנטן מאָמענט. אַלע דריי אינזיכיסטן האָבן אין די
שפּעטערע יאָרן באַוויזן אַ שטאַרקע נייגונג צו טראַ־
דיציע, צו אַלט־יידישע סימבאָלן און קלאָרע שורות.
גלאַטשטיין האָט געשריבן וועגן גיין צוריק אין שטעטל,
צום געטאָ־לעבן. גלאַנץ האָט געשריבן לידער וועגן
„מיין שפּראַך יידיש״ און „מיין פאָלק״. מינקאָוו האָט
געמאָנט:

ס׳שווייגט אַ וועלט. עס שלאָפט די גאַנצע וועלט.
איז ווער געבליבן פון דעם לעצטן קאַמער, אויפצומאָנען
וואָס ער האָט געזען?
די מערדער אין די ווייכע בעטן, עקדות־לעמער אין די
ברידער־קברים, קעלערס, וועלדער, לעכער.״
(1945)

און שפּעטער, אין 1952:

„ברויט און וואַסער, און די שטילע ברכה. דאָס איז
אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן.״

האָבן מיר שוין אין די 40ער און 50ער יאָרן גע־
זען, אַז טראַדיציע איז געוואָרן אָנשפּאַר. די ווירק־
לעכקייט האָט געקראָגן אַ שטויס (פון דרויסן) — צו־
ריק — אָדער פאָרויס. קלאָרע ווערטער, אַלטע סימ־
באָלן (אליהו הנביא, אַ הירש, אַ לייב, אַ לאַם, לייכ־
טערס). אַ מאָדנע דערוואַרטונג. וואָס איז פאָרגעקומען?
אַ שטאַרקער קלאַפּ, דער חורבן. דער טויט־קלאַפּ איז
געווען אומגעהייער דערשיטערנדיק. און קיין טרייסט
און קיין פולע האָפנונג זעען מיר נאָך ניט, פאַרקערט.
די יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה זעען אונדז
אויס סאָליד, רואיק, כמעט שלווהדיק. פאַרשטייט זיך
פאַרהעלטניסמעסיק. און כדי אַן איבערברוך און אַ באַ־
נייאונג זאָלן פאָרקומען מוז די צייט און דער יחיד
זיין רייף. און דער באָדן דאַרף זיין סאָליד. אַז ניט
בלייבט טראַדיציע אַ פאָרמולע, דער אויסגעטראָטענער
וועג, אַן איין־און־איינציקע פאַרזיכערונג. אַרויסצו־
קריכן פון דעם תהום איז אומגעהויער שווער. [אין
דייטשלאַנד שרייבן גונטער גראַס און היינריך בעל און
יאַקאָב לינד נאָך אַלץ וועגן דער נאַצי־מגפה — און
קענען ניט אַרויסקריכן]. עס דאַרף קומען אַן ענער־
גישער, אַקטיווער גייסט וואָס זאָל מאָנען, פאָדערן נייע
ווערטן, ווייזן אַ וועג אַרויס פון דער פינצטערניש, קעגן
די מינאָרע טענער, קעגן דעם פּעסימיזם וואָס לויערט.
האָפערדיקע, מאַיאָרע טענער קומען ניט פון זיך אַליין.
די וואָס שרייבן קוקן נאָך אַלץ אויף צוריק; זיי ברענ־
גען אַרויס דערמאָנונגען, וויי־געשרייען. מיר האָבן זיך
נאָך ניט אָפּגעטיילט פון לייוויקס תפילה, וואָס ער האָט
געשריבן אין 1962:

„האַלט אונטער מיין גייסט און קרעפטיק מיין מוט,
און גיב מיר כוח ביזן סוף צו האָפן.
האָסט געזאָגט ביים אָנהייב דאָס וואָרט, ס׳איז גוט —
זאָג אויך: ס׳איז גוט ביים סוף פון סופן.״

אין די יאָרן פון גרויסן אויפשטייג, אין דער גאָל־
דענער עפּאָכע פון מענדעלע, שלום עליכם און פּרץ
האָט זיך געטומלט און געברויזט: משכילים קעגן חסי־
דים — און פאַרקערט. אַלע דריי מייסטערס האָבן אָנ־
געהויבן ווי משכילים און זיי האָט פאָרט געצויגן צום
חסידיזם, אַ ראָמאַנטיק פון גלויבן, פון גלויבן אין דעם
מענטשלעכן גייסט, אין זיין שטייגן. ביי מענדעלען איז
גאָטס וועלטל גוט און שיין און טייער, צי ער דערזעט
אַ נאַכטיגאַל, צי אַ פערד, צי אַ בהמה. גאָטס וועלטל
ווערט פּערזאָניפיצירט. ביי שלום עליכם זיינען טרוי־
מען, רמזים אַ וועג צו אינטואיציע. און זיין טביה
רעדט מיט גאָט אויף דו. שטעלט זיך אָפּ אין מיטן
וואַלד און פאָדערט און טענהט, אַזוי ווי ביי לוי יצחקס
אַ דודעלע. און פּרץ, וואָס ס׳האָט אים געצויגן צו סאָ־
ציאַלן רעאַליזם, צו דידאַקטיק, משכילישער שכלדי־
קייט, — איז פאָרט דערגאַנגען צו חסידישער ראָמאַנ־
טיק און צום סימבאָליזם. און פּרץ, דער דיכטער פון
„מאָניש״ — טראַדיציאָנעל, שרייבט שפּעטער „ביינאַכט
אויפן אַלטן מאַרק״, אַ וואַלפּורגיס־נאַכט וואָס דער־
מאָנט די געשיכטע פון יידן און וואו עס שטייט אַ גע־
קעפּטער גאַרבער און האַלט זיין קאָפּ אין די הענט,
און וואו דער געהאָנגענער מיט זיין שטריק אַרום
האַלדז איז נאָך דאָ אין מיטן מאַרק. די חסידים זינ־
גען און טאַנצן און די משכילים קוקן זיך צו און זעען,
אַז ס׳איז גוט. און אין מיטן איז דאָ דער בדחן און
דער דיכטער און דער לעקטאָר, מענטשן פון וואָרט
און פון ליד. און די מתים וואָס לאַכן אַ „הילצערן
געלעכטער״:

„די לעצטע בריק — געקראַכט
געפלאַצט אין תהום אַריין

אינעם הילצערן געוויין
קריצן ציין
רייבט זיך ביין אָן ביין״

אַ טויב־שטומע פיבער־נאַכט!
און אַ וואַנזיניקער לץ
פלעכט צופוסנס אַן אַלטן נעץ
אַ נעץ פון שאָטן און שטראַלן״.

(1907)

די בילדער פּרצעס זיינען ממש סור־רעאַליסטיש, געוואַגט מטושטש. שוין אין 1900 האָט ער באַשריבן סתירות — אַ שוואונג צווישן ערד און הימל, און פאַרקערט:

„כ׳בין אַ רעגן־וואָרעם, דו זעסט
ווי טיף אין בלאָטע כ׳בין באַגראָבן.
דאָך חלומט מיר אַן אָדלער־נעסט,
אָדלער־פליגל וויל איך האָבן.

שווימען וויל אין די העלן,
הייבן זעפיר אומגעשטערט;
זאָל דער וואָלקן מיר פאַרשטעלן
נישט דעם הימל, נאָר די ערד.״

טראַדיציאָנעלע שורות. דאָך געוואַגטע בילדער און אַ שטרעבונג צום קלאָרן הימל.

האָבן מיר זיך אומגעקערט צו מיין ערשטער באַמערקונג, אַז דער מענטשלעכער גייסט מאַכט דורך אַ שוואונג פון איין עקסטרעם ביז צו אַ קעגנזאַץ. אין פּרצן דערזעען מיר ווי די סתירות האָבן אים געפירט צו אַקטיווער זוכעניש, צו עקספּערימענטן מיט פאָרם און סטיל און אידייען. אָבער פּרץ איז געווען אַ ריז, איינער אין דער וועלט, איינער אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, אַ זעלטענע דערשיינונג.

היינטיקע שרייבערס וואָס האָבן דורכגעמאַכט די צעטרייסלונג און דערשיטערונג פון אייגענע וואָרצלען נויטיקן זיך אין סטרוקטור, אין זעלבסט־זיכערקייט, אין דעם באָדן פון אַ געוויסער טראַדיציע, וואָס זאָל פעסטשטעלן ווערטן און זאָל קענען טרייסטן. דאָס אָפּוואַרפן די טראַדיציע און אויפטרייסלען די וואָרצלען קען פאַרקומען נאָר דעמאָלט ווען מען פילט ניט, אַז די אייגענע וואָרצלען זיינען צעטרייסלט געוואָרן. פּרץ האָט געפילט אַ זיכערקייט; ער האָט געהאַט אַן אָנשפּאַר. פאַר איבערפלאַנצן און באַנייען דאַרף מען טייער באַצאָלן סיי פּערזענלעך און סיי שעפעריש. עס פאָדערט זיך אַ סך ענערגיע און וויטאַליטעט. דערמאָנט זיך ווי מען האָט אָפּגעלאַכט פון די אינזיכיסטן. ס׳וועט קומען, אָבער ניט אויף אַ געקינצלטן אופן. אפשר ניט אין אַמעריקע. און ניט אין דרום־אַמעריקע. ווער ווייסט וואו. מיר זיינען אַ פאָלק פון גרויסע איבערקערענישן. און די יידישע ליטעראַטור האָט אַלעמאָל אויפגעלעבט. און אויפלעבן מיינט ברויזעוודיקייט, ענערגיע, אַ נייער קוק, נייע ווערטן. מיר זיינען דערצו נאָך ניט דערגאַנגען. דער חורבן איז געווען אומגעהויער גרויס, און באַנייאונג קומט ניט אויף אַ געקינצלטן אופן, לויט אַ פאָרמולע. געדולד. ס׳מוז קומען נאַטירלעך, ספּאָנטאַן און דאָך גוט צוגעגרייט לויט אַ נייעם צייט־גייסט, לויט אַ נייער וויזיע. מיר וועלן זיך דערוואַרטן.

experiment contingent upon security

אברהם זאַק (בוענאָס־איירעס)

# צוויי לידער

## פאַר לעצטע...

פאַר לעצטע פון אַ דור
איז שווערער נאָך דער עול.
מיט יעדן, יעדן יאָר
קלעמט מערער דער אַמאָל...

ס׳איז פיינלעכער דער וויי
נאָך שיינקייט וואָס אַוועק.
ביסט עדות פון פאַרגיי,
פון גלאַנץ אין עבר־טעג.

דו זעסט נאָך אין געדאַנק
געשטאַלטן, וואָס נישטאָ.
די קברים שוין פון לאַנג
פאַרוואָקסן דאָרט און דאָ...

פאַר לעצטע פון אַ וועלט,
וואָס חרוב און צעשטערט...—
עס בלאָזט אַ ווינט, אַ קעלט
און טרויער אויף דער ערד — — —

## לידער אינטימסטע...

לידער אינטימסטע — אָ, מיינע קדישים —
ווער וועט זיי זאָגן און ווער וועט זיי הערן?
סיידן די הימלען די ווייטע, די שטומע,
סיידן די אייביקע שווייגיקע שטערן...

טריבקייט באַפאַלט אַזוי ניכטער צו טראַכטן,
טראַכטן אין לעצטע געשאָנקענע יאָרן.
האָסט דאָך אַזוי פיל געזאַמלט, געזאַמלט, —
וועט טאַקע אַלץ גיין אין גאַנצן פאַרלאָרן?...

אָדער — נישט טרויער, זיי רואיק, בעל־שירה, —
ס׳קאָנען אויך אַנדערע דורות נאָך קומען.
ס׳וועלן נאָך יורשים אַמאָל זיך באַווייזן,
ס׳יידישע וואָרט וועט נישט שטומען, נישט
שטומען — — —

.1977

**פון דער רעדאַקציע:**

**אַלע אַרבעטן וואָס ווערן פאַרעפנטלעכט אין „די צוקונפט״ דריקן אויס די מיינונגען פון די מחברים.**